בס"ד

# מראות פורים דברסלב - ירושלים שנת תשט"ו

## הפורים האחרון במחיצתו של רבי אברהם שטערנהארץ זצוק"ל והבטחותיו לרבי שמואל שפירא זצ"ל, כפי שסיפר במתק לשונו פה מפיק מרגליות הרה"ח ר' נחמן ישראל בורשטיין זצ"ל (תמלול) לרגל היארצייט ולע"נ רבי נחמן ישראל ב"ר משה בורשטיין זצ"ל נלב"ע י"ד אדר א' תשע"ד.

דער לעצטער פורים פון רבי אברהם'ן ס'איז גיווען תשט"ו פורים און רבי שמואל שפירא פלעגט זיך מייחד זיין מיט אפלעשל וויין, דארט אין נחמן שותק'ס צימערל (פונה לאחד הנוכחים:) געדיינקסט זיין צימערל אונטער די טרעפ? ס'איז גיווען אונטן דעמאלט (בקומת הקרקע של בית הכנסת ורבי שמואל נכנס לחדרון הצמוד לו) . און פאר עלינו (לשבח) נאך, פאר עלינו איז (ער) אריין געגאנגען, ער האט זיך אריין גיזופט, וויפל ער האט זיך אריין גיזופט ווייס איך נישט וויפל, ער האט געטרונקען...

און אז ער איז ארויס געגאנגן (מהחדרון לבית הכנסת) האב איך גיזען אז ער איז שוין רויט, און ס'גיסט זיך שוין די טרערן און ער איז שוין אנגעטרונקען און רבי אברהם האט יעמאלט צוריק גילייקט טלית און תפילין און גהאלטן אונטערן הארעם און ארויס גיין אהיים. (אחד הנוכחים:) מ'האט געשיקט משלוח מנות אין שוהל? ניין ניין, ס'איז גיווען מ'האט געברייינגט אויפן טיש האט מען אוועקגלייקט עוגה מיט וויין, יא א וודאי גיווען אוועקגלייקט.

דער עיקר גיט זאך א שטעל אוועק אנקעגן רבי אברהם'ן און לאזט איהם נישט גיין, (באמרו:) "רבי אברהם! רבי אברהם! רבי אברהם! איר זענט שוין גיווען אזוי פיל מאל אויפן רעבינס ציון, איך בין דאך קיין איין מאל נישט געווען, זייט מיר מבטיח אז איך זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'נס ציון ."

און רבי אברהם שטייט אזוי ביי די בימה און רבי שמואל שפירא שטייט איהם אנקעגן, זאגט איהם רבי אברהם, "שמיל! דו ביסט דאך א יונגערמאן, דו וועסט נאך בעזר השם זוכה זיין צו זיין אופן רבי'נס ציון, אבער איך? ווער ווייסט, איך ווייס שוין נישט צו איך וועל נאך זוכה זיין, אבער דו וועסט מסתמא זוכה זיין" (נענה ר' שמואל שפירא והפציר:) "זאגט מיר צו", ער האט גיוואלט ההבטחה פון רבי אברהם אז ער וועט זיין. רבי אברהם האט איהם נישט גיוואלט צוזאגן, האט ער איהם גיזאגט "איך האף בעזר השם, וועסט זיין, ביסט דאך א יונגרמאן ."

און רבי שמואל זעהט אז רבי אברהם וויל איהם נישט צוזאגן האט ער אנגהויבן צו וויינען אזוי שטארק. האט ער גיוויינט "חמול על נפשי העלובה! חמול..." אזוי האט ער אזוי געשריגן ("בניגון של ואתה בן אדם"...) מען האט גיערט זיין וויינען מיט די ווערטער, מען איז צוגייינגען גיווארן, מיט אזא מין טאן האט ער דאס גיזאגט, "חמול"...

נאך וועו רבי אברהם זעהט ער וועינט, ער וויינט שטארק, זאגט ער "שמיל בעזר השם וועסט זוכה זיין", (אך רבי שמואל מבקש ומפציר שוב ברבי אברהם:) "ניין רבי אברהם זאגט מיר צו, זאגט מיר צו "חמול על נפשי העלובה" חמול..." און ער האט אנגהויבן ווייטער וויינען. אז רבי אברהם האט געזעהן... ער האט רחמנות גיהאט אויף איהם, זאגט ער איהם "נו גוט, איך זאג דיר צו אז דו וועסט נאך זיין אויפן רבי'נס ציון.!"

און ער האלט איהם וייטער רבי אברהם'ן, און רבי אברהם וויל גיין, רבי אברהם זאגט איהם, "איך וויל גיין אהיים, מענטשן ברייננן משלוח מנות'ן מען דארף זיי ענטפערן (במשלוח מנות)", און רבי שמואל שפירא איז נישט מסכים! ער זאגט צו רבי אברהם'ן "איך זעה ס'איז אייך שווער צו האלטן טלית ותפילין, איך וועל דאס האלטן" (כאשר כוונתו) אז ער וועט דאז האלטן וועט ער האבן א גוטן "משכון" פון איהם.

דערווייל רבי אברהם אויבט זיך אן אזוי צושטופן און גיין ארויס פון שול גייען זיי ארויס אויפן חצר .

און רבי שמואל שטעלט זיך אוועק ווייטער אנטקעגן לאזט איהם נישט אוועק גיין, (ופונה אליו שוב) "רבי אברהם! ראש השנה! זאגט מיר צו אז ראש השנה", רבי אברהם האט גיזען דאס, (שמתעקש כך) זאגט ער איהם "יא איך זאג דיר צו בעזר השם דו וועלסט זוכה זיין צו זיין ראש השנה ביים רבי'ן אויפן ציון."

דערוויל, האט ער (רבי שמואל) גיוואלט וויסט אויס נאך זאכן רעדן מיט איהם, אינמיטן, געדיינק איך נישט ווער איז ארויס געגאנגען פון שול איינער עפעס א יונגערמאן, ער האט איהם געגעבן א כאפ און רבי שמואל'ן (בגערה:) "וואס ווילסטו פון דעם האלטן אידן, ער וויל גיין אהיים, ער דארף עפעס עסן, יא? דו האסט זיך שוין אונגעטרונקען" און ער האט איהם אריין געשלעפט צוריק אין שוהל אריין. און רבי אברהם איז גלייך אוועק געגאנגען גלייך אהיים געגאנגען.

(אחד הנוכחים:) איך האב געהערט ס'איז געווען ר' משה ירוסלבסקי האט הים אנגעכאפט, ניין ניין, איך בין דארט געווען בשעת מעשה, ווי קומט ר' משה ירוסלבסקי פורים (בבוקר) צו ר' אברהם'ן? קען זיין נאך מיטאג, נאך מיטאג איז געקומען ר' לוי יצחק (בנדר), ר' אלי' חיים (רוזין), ר' וועלוול חשין ר' חונה (רבי אלחנן ספקטור) אבער אינדער פרי? ווער קומט אינדער פרי (לקטמון)?

❖ ❖ ❖

נאכדעם (שנים לאחר מכן), בשעת רבי שמואל שפירא האט זוכה גיווען זו זיין ביים רבי'נס ציון נישט ראש השנה, - דער נאכדעם דעם לעצטן יאר זיינע, דער לעצטער ראש השנה זיינער (תשמ"ט) איז ער דאך יא גיווען ראש השנה, האב איך געזען ס'איז מקויים גיווארן ביידע הבטחות, צווי מאל! - צוגעזאגט צו זיין סתם אויפן ציון, און צוגעזאגט ראש השנה אויכעט, - א כוח! - הא! אזוי ווי רבי שמואל האט דאס צו וויינט - - -

ער פלעגט אלע מאל וועינען ביי שכרות אבער וועינען אויף אזא אופן, מעורר זיין רבי אברהם'ס רחמנות! מויראדיג!!! דעריבער האט ער טאקע זוכה געווען...

# תשועתם היית לנצח ותקוותם בכל דור ודור